# די העפטן

## פאר ליטעראטור און קונסט

פנימי

אינהאלט:


| | |
|---|---|
| שלום עליכמ׳ס 30־טער יארצייט . . . . | אליעזרווארצל |
| ערשטער מאי אין חיפה (בילד) . . . . | יהושע גראסבארד |
| צו דיר, מיין שפראך (ליד) . . . . . . | הלל שארגעל |
| מיין מאמע (פאעמע) . . . . . . . | שלמה שיינהויט |
| אנטקעגן דעם אויפגאנג . . . . . . . | י. צ. שארגעל |
| איך נעם אויף מיין גורל (ליד) . . . . . | אברהם לעוו |
| דער דיכטער יאסל גראסבארד . . . . | יהושע גראסבארד |
| פונדאמענטן . . . . . . . . . . | יצחק גרובער |
| דער צוריקקער (דערציילונג) . . . . . . | י. גרינבערג |
| פון רעדאקציע | |



חיפה

1946

יולי

מחברות

די
# העפטן

ארויסגעגעבן פון א גרופע יידישע ליטעראטן און זשורנאליסטן אין חיפה

רעדאקטירט פון א רעדאקציע־קאלעגיע



אדרעס פאר בריוו:

**א. ווארצל**

חיפה, ת. ד. 2171

ארץ - ישראל



„אות" דפוס קואופרטיבי בע"מ, חיפה



די
## העפטן
פאר ליטעראטור און קונסט

חיפה יולי 1946


אליעזר ווארצל

## שלום עליכמ׳ס 30-טער יארצייט

מאי 1946, דער 30־טער יאָרצייט נאָך דעם טויט פון גרויסן יידישן קלאַסיקער שלום עליכם, דאַרף אין אלע יידישע ישובים דערמאָנט ווערן אין צייכן פון גלויבן און האָפענונג, וואס דאס איז געווען אין יסוד פון שלום־עליכמ׳ס שאַפונג. גראָדע היינט, ווען דער סם פון יאוש שוועבט איבער גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק נאָכן חורבן פון אייראָפע, איז נויטיק דער קאַמף קעגן דעם סם פון יאוש. שלום־עליכם, דער יידישער קינסטלער, קלאַסיקער קען און דאַרף אונדז דינען דורך זיינע פרעכטיקע הומאָר־פולע געשטאַלטן, ווי אַ געווער אינעם קאַמף קעגן פארצווייפלונג.

שלום־עליכם האָט געלעבט און געשאַפן אין דער צווייטער העלפט פון 19טן י"ה און אין דער ערשטער אַנדערהאלבן צענדליק פון דעם 20־טן. דער דאָזיקער צייט־אָפשניט אין ש"ע שאַפונג באַצייכנט אַן אינטערעסאנטן פעריאָד פון נאַציאָנאַלער און כאָציאלער אויפוואַכונג ביי די יידישע פאָלקס מאַסן.

ווי ווייט דאָס יידישע לעבן, צעזייט אין די קליינע שטעט און שטעטלעך פון מזרח אייראָפע איז געווען צוריקגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט דער ריזיקער אויפוואַכונג פון אנדערע פעלקער אויף דעם ערד־טייל, האָט דאך די צייט פון דעם דאָזיקן פעריאָ[ד] געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דעם שווערן אומנאָרמאַלן יידישן לעבן פון די דאָרטיקע שטעט און שטעטלעך געוועקט און געשלעפט צו זיך.

אין פאַרלויף פון זיין גאַנצן שאַפן האָט שלום־עליכם פאַר זיך געהאַט דאָס יידישע לעבן אין צוויי שטאַרקע קאָנטראַסטן: אַ דור וואָס האָט זיך געקלאַמערט מיט אַלע כוחות פאָרצוזעצן דעם אַלטן טראדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, מיט די אַלטע קולטור־אוצרות און אַ דור וואָס איז אויפגעגאַנגען צו אַ ניי לעבן און אַ נייער קולטור.

און גראָד פון אָט די צוויי גורלדיקע קאָנטראַסטן אין דעם געראַנגל פון יידישן פאָלק, האָט שלום־עליכם געשעפט זיין גרויסן גלויבן, זיין בטחון אין יידישן קיום, אין המשך. ווייל ער האָט געהאַט די פעאיקייט אריינצודרינגען טיף אין יידישן לעבן אין זיין גאַנצן צוזאַמענהאַנג און עס קינסטלעריש באַנעמען, שיינט זיין שאַפן העל און וואַרעמט אונדז מיט זיין הומאָר און מיטן גרויסן מענטשלעכן בטחון.

דאָס יידישע פאָלק האָט שטענדיק באַנייט זיין יוגנט. איליאַ ערנבורג שרייבט. „דער בעסטער ווייַן אויף דער וועלט וועפט אויס, אָבער דער דורשט וואָס האָט דאָס פעסל נישט אָנגערירט בלייבט אייביק". דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז דורך יאָרהונדערטער געווען געיאָגט און געטראָגן אין זיך דעם דורשט צום אַלטן קוואַל, האָט אין זיך אויפגעהאַלטן אַ טיפן גלויבן און אַ בייַנקשאַפט, און שלום־עליכם איז געווען דער וואָס האָט אָפגעווישט דעם שטויב פון די יאָרהונדערטער און פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט דאָס יידישע לעבן אין זיין אמתן ליכט.

דערפאַר איז אויך פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ביי שלום־עליכם פרייען זיך און לאַכן ווי קליינע קינדער, יידן מיט ווייסע בערד, מיט קנייטשן אויפן פנים. און קינדער לאַכן מיט אַזויפיל כוח און האַרץ, ווי ביי קיין שום קינסטלער אין דער וועלט.

אין וואָס פאַר אַ דור פון פאַרגאַנגען יידיש לעבן מיר וועלן אַריינבליקן און ווען מיר וועלן אפילו שוין שטיין אין אַ ווייטן דיסטאַנץ פון דעם אַלטן, אין אַ ניי לעבן, וועלן תמיד שיינען פאַר אונדז די פּרעכטיקע געשטאַלטן פון שלום־עליכם׳ס טיפן.

מנחם־מנדל אין זיין געראַנגל און קאַמף פאַרן קיום, נ׳ט· גרויסער האָפענונג אויף פּאַפּירענע בריקן, איז לויט אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַהאַנדלונג אַ פּראָדוקט פון אַ פאָלק, וואָס איז דורך צענדליקער דורות געווען אָפּגעריסן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און פון ערד.

מאָטל פייסי דעם חזנס, מיט זיין הונגער, מיט זיין רייסן זיך צו פריי, צו דער נאַטור און אַלץ צו וויסן, איז די פאַרקערפּערונג פון אַ פאָלק, וואָס איז אייביק פאַרבליבן דורשטיק און דאָס פּעסל נישט אָנגערירט.

און אין אונדזער אַלעמענטס געליבטן „טוביה דער מילכיקער” ליגט די גאַנצקייט און די געזונטקייט פון אַ פאָלק: זיין שווערע אַרבעט פאַרן קיום זיין לעבן אויפן שו״ס פון דער נאַטור און זיין אייגנאַרטיקע לעבנס־פילאָזאָפיע, דאָס אַלץ רופט אַרויס אַכטונג און ליבע צו דעם ערלעכן און פשוטן טוביה.

און גראָד היינט, ווען מיר שטייען אין טרויער געבויגן איבער די ברידער־קברים פון 6 מיליאָן יידן און יאוש פרעסט אונדז. ווערט טוביה אונדז טייערער ווי ווען עס איז. זיין בטחון וועקט אין אונדז קאַמף און האָפענונג, האָט ער דאָך אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון זיין לעבן זיך נישט פאַרלוירן. דאַרף דאָס זיין אונדז אַ ליכט אין טראַגישן היינט.

מיט פרייד מוז אויך געזאָגט ווערן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער ליטעראַטור איז באַהויכט מיט דעם גרויסן מענטשלעכן בטחון, ווי ביי טוביה׳ן. צו איז דאָס אין בערגלסאָנס: „געווען איז נאַכט, געוואָרן איז טאָג”, צו איז דאָס אין דער הערלעכער פּאָעמע „כל נדרי” פון דעם דיכטער פּאַרטיזאַן — סוצקעווער:

„אַזוי האָט אין אַ יאָר אַרום דערציילט מיר
אין געטאָ, צו כל־נדרי, ער אַליין,
דער אייבדיקער ייד און אָפּגעשיילט מיר
דעם גורל זיינעם ביזן סאַמע ביין.
און הויך זיין קול
ווי אַ קוועלכל אין טאָל
באַנאַכט מיט לבנה באַגאָסן.
און איך האָב געלאַכט:
„ווער׳ט געווונען די שלאַכט?”
און זיין גורל אין מיינעם איינגעשלאָסן!

שלום־עליכם האָט געליבט דאָס פאָלק. די פשוטע, די אַרבייטסזאַמע, דערפאַר געהערט ער צום יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק און צו זיין צוקונפט. און ס׳איז גאָר קיין וווּנדער נישט וואָס צום 80טן געבורטס טאָג פון שלום־עליכם, האָט די סאָוועטישע רעגירונג פּראָקלאַמירט אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב אין אוקראַינע, ווו דער קלאַסיקער איז געבוירן געוואָרן און געשטעלט אים דענק־מעלער פונקט ווי פאַר אַנדערע פּראָגרעסיווע קלאַסיקער פון סאָוועטישע פעלקער.

און היינט צו דעם 30־טן יאָר־צייט נאָך שלום־עליכם, דאַרף שטיין דאָס יידישע קולטורעלע לעבן אין צייכן פון בטחון און אייניקייט אין אַלע ישובים ווו יידן לעבן און בויען יידישע קולטור.





יהושע גראסבארד — ערשטער מאי אין חיפה

**הלל שארגעל**

# צו דיר, מיין שפּראַך

איך וועל דיך סיי־ווי נישט פאַרגעסן
אפילו כ׳זאָל ריידן דיך, אַליין, —
דו ביסט די וואַך פון מעת־לעתן,
דו ביסט דער קוואַל און די שיין.

איך וועל דיך סיי־ווי נישט פאַרלאָזן,
ווייל דו און איך זיינען איינס, —
פאַרוואָגלט, פון ווינטן פאַרבלאָזן,
ווי וואָגלער: באַזאַמען און אַליין.

אין דיר וועל איך גלויבן אין אמת,
אַזוי לאַנג מיינע אויגן וועלן זען;
אין דיר וועט האַרץ מיר פאַרקלעמען
ווען אַן עוולה וועט וועמען געשען.

אין דיר וועל איך מתפּלל זיין, דערלייזונג,
ווי מיין ברודער פאַר די טויערן פון תהום
אין דיר זיינען דאָ די באַווייזן
צום הערלעכן מענטשלעכן טרוים...

אין דיר האָט גליקל פון האַמלען
געזען דעם גורל פון דורות,
און וווּנדער ווי שטערן זיך זאַמלען
אין נחמן בראַסלאַווערס תורות.

און גאָלדפאַדן, די גאָלדענע ציג
ט׳געשטעלט אונטער קינדישע בעטן;
אין דיר האָבן געהאָפט און געקריגט
דורות יידן — פּראָלעטן.

אין דיר האָט זיך פּרץ געבייזערט,
שלום־עליכם — געלאַכט און מיטגעפילט..
דער „משולח” ז׳געגאַנגען איבער הייזער
ביז צו דעם אייביקסטן ציל.

אַזוי וועל איך אויך נישט פאַרלאָזן,
כ׳וועל גיין מיט דיר אינעם גאַנג,
ווו אַלע ווינטן וועלן בלאָזן —
דעם גורלס גזר און פאַרלאַנג.

שלמה שיינהויז

# מיין מאמע

(פראגמענט פון בוך: „מיין חרובע היים")

ווער קאָן דען באנעמען דעם צער און די פרייד
אין זיך טראָגט די מאַמע אַרום שטומעהייט?
זי רעדט נישט, זי שווייגט, בלויז אין יעדן איר טראַכט
אַ תפילה אזא, סיי בייטאָג, סיי ביינאכט:
רבונו של עולם, פאָטער אין הימל!
שעפשעט די מאמע אויף דער וואַך און אין דרימל,
העלף מיר דערציען די קינדער אין פריידן
און איך וועל אָננעמען באהבה די ליידן.
שענק זיי געזונד, זאָלן נישט וויסן פון ווי
און אויב איז וואָס נגזר — זאָל מיר זיין פאר זיי.
אַז מאַמעס זענען מאַמעס, געזאָגט האָט שוין ווער,
אַלע זענען גלייכע אויף דער וועלט. נאָר איך שווער:
כאָטש ס'איז אין דעם דאָ אַ שטיק אמת מסתמא,
איז אַנדערש, דאָך אַנדערש אַ יידישע מאַמע...

פרייטיק פאַרטאָג, ווען אין דרויסן איז נאַכט נאָך
און געדיכט אויפן שטעטל די פינסטערניש וואַכט נאָך,
גייט זי, די מאַמע, פונעם בעט שטיל אַראָפּ,
קוים וואָס זי האַלט אויף די אַקסלען דעם קאָפּ.
צינדט זי דאָס לעמפל, דאָס נאָפּטענע, אָן
צום ליכט וועקט זיך איבער מיט וואָרקע דער האָן,
וואָס אָנגעגרייט האָט זי אים דאָ נאָך פון נעכטן,
דער טאַטע וועט אויפשטיין וועט ער אים שעכטן.
דערנאָך, ווי זיין שטייגער, צעשניידן — די פיש ער
זאָל ס'עסן אויף שבת בעטעמט זיין און פרישער...
צום מולטער זי גייט, הייבט דאָס קישן פון אויבן;
זען צי די ראָשטשינע האָט זיך געהויבן.
און ביז ס'וועט פון היץ דער אויוון אַזש קנאַקן,
וועט זי דאָס ברויט איבערמאַכן צום באַקן.
לייגט זי אין אויוון די שייטעלעך האָלץ אָן
און אַלץ, וואָס זי טוט פילט זי אַ שטאָלץ אָן:
ס'אַ הייליקע מצוה! — זי קאָן עס אויפווייזן —
ערשטנס: די קינדער אַ וואָך וועלן זיך שפייזן,
היינט ס'גרייטן פאַר שבת — ווי דער שבת אַליין...
זי האָט עס געהערט צי אין ספרים געזען.
גרייט זי דעם אויוון — אַ הייליקער מזבח,
פאַר דער מצוה אַן עולה — איר מי און איר כוח...
און אָט אונטערן האָלץ דער נאָפּט אויפן אַש
און אַ פייער זי וואַרפט, ס'נעמט ווערן אַ רעש,



און ס'שפרייטן זיך פלאַמען פונאַנדער אין אויוון,
דער רויך גייט אַרויס דורכן קוימען פוין אויבן,
און די שפענער צעפאַלן מיט געקנאַק אין די פלאַמען.

און ס'האָט זיך דאָס פנים צעפלאַמט ביי דער מאַמען.
צעפלאַמט און צעשפילט מיט אַלע קאָלירן...
נעמט זי דאָס פייער צעשאַרן, צעפירן.
וואַרפט צו נאָך שפענער, די פלאַמען וואָס גרעסער!
עס זאָל זיך דער אויוון צעגליען וואָס בעסער;
ווייל מי, ווי די מי, עס קאָסט דאָך פאַרמעגנס!
דאָס ברויט זאָל חלילה נישט שאַטן די מאָגנס...
ס'איז איר די אַרבעט אי ליב און אי טייער,
פאַרלייגט זי די הענט און קוקט אין דעם פייער,
און קוקט אויף די קוילן, וואָס גליען און פינקלען:
דאָ נעמען זיי זשאַרען, באַלד נעמען זיי טונקלען,
און קוקנדיק, זי האָט זיך אַ רגע פאַרקלערט
וועגן גורל פון זינדיקן מענטש אויף דער ערד:
אָט ברענט ער אַ וועלט, וויל אַלץ מערער פאַרמאָגן,
אָט וועט ער דאס... אָט וועט ער יענץ... שייך צו זאָגן,
אַ האַרץ פול מיט גלוסטן, אין גרויסן דאָס מויל,
און אָט צאַנקט ער אויס און גלייך ווי די קויל...
און אַ זיפץ גיט די מאַמע, אַ שווערן אַזאַ:
איך בלויז איין ווונטש כ'האָב, פון וועלטן דער האַר!
און ס'שעפשען אירע לעפצן און הערט מען עס קוים,
ברענג מיך נישט צו מתנת בשר ודם...
און פלוצים, זי כאַפּט זיך: כמעט ווי צום לאַכן,
איך שטיי דאָ, פאַרגעס איך דאָס טייג איבערמאַכן.
שאַרט זי אין קיך זיך אַריין וואָס געשווינדער
שטיל אויף די נעגל, נישט וועקן די קינדער.
דעקט אויף די טייגן, צעשטעלט גיך די בלעכן
און כאַפּט זיך: געקענט חלילה פאַרשוועכן!
טראַכט זיך די מאַמע: זיך טאָקע צו שעמען,
כמעט ווי פאַרגעסן חלה צו נעמען...
איינע פון די דריי הויפּט־מצוות ווי האָט'ן
אַזוי שטרענג די יידישע ווייבער געבאָטן:
אויף פוסטע פעלדער! מען שטאַרבט ביים געבורט
פאַר נישט היטן די ליכט, חלה און... דאָס וואָרט
נישט געזאָגט, בלויז דערטראַכט מיט אַ שמייכל די מאַמע:
מילא, קינדלען איך וועל שוין ניט מער מסתמא,
אָבער היטן, מען דאַרף היטן! פאַר מיינס אַ זינד
געשטראָפט זאָל חלילה נישט ווערן אַ קינד...
כאַפּט זי די שטיקעלעך טייג ווי זיי זענען
זאָגט אָפּ די ברכה און צום אויוון — פאַרברענען,
אַדורך אָן אַ מכשול! אַ דאַנק דעם אַלמעכטן!

און קערט זיך צוריק אום די חלות אויספלעכטן.
צו ערשט דער י״ב־ניק, בײנאַכט צו דעם קידוש,
באַמיט זיך די מאַמע, אַרויס זאָל אַ חידוש.
מיט אַ געלעכל שמירט זי אים אויס, מיט אַ פרישס
דער גאָלדענער גלאַנץ זאָל באַשײנען דעם טיש.
און ס׳לויפן אירע פינגער ווי אין אַ געוועט
און חלה נאָך חלה וואַקסט אויס אויפן ברעט.
דערנאָך זיסע פלעצלעך מיט מאָן, ס׳איז נישט אַלץ,
אויך פלעצלעך געקנאָטן אויף ציבל און זאַלץ:
די ערשטע צו טיי אַ מחיה און ווויל,
די צווייטע — ווי קרוכע צעגײן זיך אין מויל,
און קניזשעס געפילט מיט גריוון און קאַשע
און קניזשעס פון קעז, זיסע און נאַסע.
מיט געמאָלענעם מאָן קיכלעך ווי האָרנס,
קיכלעך מיט צימרינג — פאַרשידענע פאָרעמס.
אַ דין בלעטל ציט זי, צו לייגן אין טעפל
אַ שטראָדל, געוויקלט פון ווייניקע עפּל.
אײל אויף צו שמירן זי ברענגט פון קאָמאָרע
און בלעך נאָך אַ בלעך ווערט פול קיין עין הרע...
און צווישן אַ קוק צום אויוון, צום הייסן.

דערווייל, דער דרויסן נעמט לאַנגזאַם זיך ווייסן
און קוקט אַזאַ בלאַסער אַרײַן דורך די שויבן
דערשטוינט און צעחידושט און קאָן זיך נישט גלויבן:
פאַרהאַנען דען עמעץ, פאַרהאַנען דען ווער,
זאָל זיך פעדערן, פריער אויפשטיין ווי ער?
באַלד און ער כאַפּט זיך, ער האָט שוין דערקענט
די שאָטנס פון מאַמען צעוויגט אויף די ווענט.
ער קען זיי, די שאָטנס, נישט פון נעכטן און היינט
שוין יאָרן, זיי זענען אים ליבלעכע פריינד.
און שטענדיק ער שטוינט און קאָן נישט באַנעמען
אַ צעפּאַל ווי ס׳גייט זיך איין שאָטן אין צענען,
ווי ליב האָט ער צוקוקן זיך צו דעם שפּיל,
ווי ס׳לויפן די שאָטנס פון סופיט צום דיל,
פון דיל דורך די ווענט און צום סופיט צוריק
לויפט אַזוי נאָך זיין פאַרחידושטער בליק.
ביז ער רייסט זיך אין שטוב אַלץ מערער אַרײַן
און וואַרגט אָפּ דאָס לעמפּל, פאַרטונקלט זיין שײַן,
און ברעכט דורך די נאַכט, וואָס געווען איז פאַרצויגן
זאָל ליכטיקער ווערן דער מאַמען אין ד׳אויגן.
לעשט זי מיט בלאָז אויס דאָס לעמפּל, דאָס מאַטע,
צעפליען זיך די שאָטנס ווי ראָבן אַ טשאַטע...



י. צ. שארגעל

# אנטקעגן דעם אויפגאנג

די לאַנגע שוואַרצע נאַכט איז אַדורך. די געדיכטע פינצטערניש, וואָס האָט פאַרלענדט און פאַרצוקט דאָס לעבעדיקסטע דריטל פון אונדזער פאָלק, טרעט אָפּ און ווערט אויסגעוועפּט. עס צייכענען זיך שוין די העלע קאָנטורן פון אָנקומענדיקן טאָג. די צעשלאָגענע מחנות אונדזערע זאַמלען צונויף זייערע רעשטלעך. דאָס אַקטיווע און פּראָגרעסיווע אינעם יידישן אייראָפּע גייט־נאָך פוס־טריט די נייע אומוואַנדלונגען פון די צו־זיך־קומענדיקע פעלקער. דער דורשט און הונגער נאָך גאַנצקייט, נאָך אייניקייט שאַפט פאָרמען, שאַפט כלים פאַר אויפגאַנג, פאַר ניי לעבן.

עס גרייטן זיך אויך די יידישע יישובים, וועלכע האָבן פון מלחמה נישט געליטן, נאָר — פאַרקערט, רייך און רייכער געוואָרן. און אַנטקעגן דעם ווילן פון דעם פשוטן ייד צו העלפן געבליבענע מיט ברויט און בוך; אַנטקעגן דער גרויסער בענקשאַפט נאָך גאַנצקייט, נאָך געאייניקט־זיין, קומען די אַליין גע־קרוינטע הערשער אינעם יידישן לעבן און שאַפן קאָנטער־קאָנצענטראַציעס פון ברוין, פון שוואַרץ.

דאָס לעבן גייט אויף.

ארץ־ישראל גרייט זיך צו אַ גרויסער מאַסן־עליה. אויפגאַנג פון ברידער און שוועסטער, וואָס לעכצן נאָך היים, נאָך אייגענע, נאָך פאָלק. אויך דאַ שטעלן זיך אַנטקעגן דעם ווילן פון געראַטעוועטן צו ברויט, צו דאַך, צו בוך — כלערליי קאָנצענטראַציעס פון טונקעלע פאַרבן.

מ׳שפרייט יאוש און פאַרלוירנקייט צוזאַמען מיט איבערגעטריבענער האָ־פערדיקייט; פאַרצווייפלטער רוף צו אַנטוישן זיך אין אל־וועלט און פאַלש־משיחישער אָנזאָג פון באַלדיקער פולער גאולה.

און דאָס לעבן גייט אויף. —

ווער וועט דעם קומען אַנטקעגן?

דאַרף דאָס זיין דאָס וואָרט, דאָס פאָלקישע, וואָס זאָל קומען מיט טרייסט און מיט האָפענונג. דאַרף דאָס זיין דער שרייבער, וואָס זאָל רופן צו עבודת החיים. דאַרף דאָס זיין דאָס בוך און דאָס טעאַטער, וואָס זאָל דערציילן פון דעם וואָס געווען און פון דעם, וואָס דאַרף זיין.

דאָס לאַנד גרייט זיך צו עליה.

עס וועלן קומען שוועסטער אלמנות, שוועסטער יתומות; עס וועלן קומען ברידער דערשלאָגענע, פאַראַלמנ׳טע, פאַריתומטע, פאַראַבלטע; עס וועלן קומען קינדער — געבליבענע האָלעוועשקעס, וואָס דער מ ע נ ט ש — דער סימן פון דער אמת׳ער כדאי׳ער וועלט — האָט זיי געראַטעוועט, באַהאַלטן און געהאָדעוועט. עס וועלן קומען מענטשן פון די וועלדער. דער גרעסטער רוב פון זיי האָט געליבט, געהאָפט, געבענקט און געחלומט אין יידיש, אין דער שפּראַך פון דער היים, אין דער שפּראַך פונעם דורותדיקן המשך. ווו זיינען די, וואָס וועלן זיי קומען טרייסטן, אַריינגיסן האָפן און גלויבן, אַרויסבלאָזן דאָס אָנגעהויפטע שלעכטס און זיי העלפן אַרויפגיין אויפן וועג פון נייעם לעבן, נאַטירליך, אוממיטלבאַר, אין דעם אייגענעם, דעם לייבלעכן, דעם נאָענטן לשון?

ווו זיינען די פאַרטיידיקער פון יידיש אין די איצטיקע טעג? ווו זיינען די פריינד פונעם יידישן וואָרט און בוך? ווו זיינען די, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געטראָגן דעם עול פון יידיש אין ארץ־ישראל? מיד געוואָרן?! אפּהענטיק?! ——

דאָס לעבן גייט אויף.

די צעשלאָגענע מחנות נעמען צונויף זייערע רעשטלעך.

ארץ־ישראל גרייט זיך אויפצונעמען מחנות. לאָמיר גיין דעם אויפגאַנג אנטקעגן.

אבּרהם לעוו

# איך נעם אויף מיין גורל...

איך נעם אויף מיין גורל וואָס איז מיר באַשערט
אָט דאָ אויף דער ערד.
איך נעם אויף מיין גורל אַזוי ווי ער איז,
כאָטש ניט איינמאָל מיין לייב ר׳שניידט אַזוי ווי אַ שווערד;
כאָטש ניט איינמאָל מיין לייב ר׳שטעכט אַזוי ווי אַ שפּיז.
איך נעם אויף מיין גורל אַזוי ווי ער איז,
און כ׳בייג איינעט דעם קאָפּ, איך בונטעווע זיך ניט, —
כאָטש מיין וועג ט׳זיך מיט שטעכיקע דערנער צעבליט,
כאָטש מיין וועג איז מיט טרויער און אומעט פאַרזייט;
איך זאָל ניט זינדיקן מיט מיינע רייד...

איך נעם אויף מיין גורל וואָס איז מיר באַשערט,
און כ׳בין אַזוי נישטיק און קליין אויף גאָטס ערד.
איך בין, ווי אַ מוראַשקעלע אונטער יעדערנס טריט
און ווער וועט דערהערן מיין איצטיקע ליד
צווישן אַזוי פיל גרויסע און ריזיקע ווערק?
און ווען איך זאָל שטאַרבן וואָלט קיינער באַמערקט,
און ווען אין אַ פינסטערע נאַכט כ׳זאָל פאַרגיין
וואָלט קיינער אפילו נאָך מיר ניט געוויינט,
עס וואָלט קיינעם אפילו ניט איינגעפאַלן קלערן
באַוויינען מיינע איינזאַמע טריט אויף דער ערד.

איך נעם אויף דעם גורל וואָס איז מיר באַשערט,
איך נעם אויף מיין גורל אַזוי ווי ער איז;
ווייל וואָס זאָל איך טאָן, ווייל וואָס קען איך טאָן?
ס׳איז מיין טאַטע קיינמאָל ניט געווען אין „פּראָנט״
און זיך ניט באַנוצט מיט קיין ביקס, מיט קיין שפּיז.
ניט געווען קיין קעמפער און ניט קיין בונטאַר,
ניט געווען קיין קנעכט, ניט געווען קיין האַר;
נאָר געלעבט אַ לעבן גרוי און וויסט.
אין מיר זיינע רואיקע בלוט איצטער פליסט,
און כ׳בין שוואַך זיך צושטעלן קעגן שטורעם און ווינט, —
און אַנטקעגן מיין גורל וואָס פירט מיך איצט בלינד.
איך בין שוואַך, איך בין שוואַך צו קעמפן אַליין
און פעסט, ווי אַ וואַנט, ווי אַ פעלז בלייבן שטיין
און אַ שריי טאָן: אַזוי וועט שוין ווייטער ניט גיין!

כ׳נעם אויף דעם גורל כאָטש ס׳איז מיר באַשערט
אַ לעבן צו גיין אויפן שאַרף פון אַ שווערד,
און קלייבן אַ ליד צו אַ ליד פון מיין ווערק;
כאָטש איצטער ניט ווערן פון קיינעם באַמערקט,



פון קיינעם געזען, —
און אַזוי מיט פאַרבראָכענע הענט
ווערן אין אייגענעם פייער פאַרברענט,
ווערן אין די אייגענע פלאַמען געשענדט
וואָס ברענען און טליען טיף אין מיין בלוט,
און ווערן געבייטשט פון אייגענעם רוט...

כ׳נעם אויף מיין גורל וואָס איז מיר באַשערט
אָט דאָ אויף דער ערד,
און אַזוי מיט וואָרט און מיט ליד, —
וועל איך שוין דורכגיין מיט שטילינקע טריט
פאַרשלאָסן און שטום,
ניט פון קיינעם באַמערקט, ניט פון קיינעם געזען.
נאָר אפשר אַמאָל אין דורות אַרום
וועט מען דערציילן: אַ מאָל איז אַ דיכטער געווען...

# דער דיכטער יאסל גראָסבאַרד

י. גראָסבאַרד איז געבוירן אין פּוילן אין דעם שטעטעלע סעראָצק ביי וואַרשע, דאָרט ווי דער בוג פאַלט אַריין אין טייך נאַרעוו. אין זיין קינדהייט איז די משפּחה אַריבער אין טשעכאַנאָוו. אין די יאָרן פון ערשטן וועלט קריג איז זיין משפּחה עטלעכע מאָל איבערגעפאָרן אין וואַרשע אין סעראָצק און דערנאָך ווידער אין טשעכאַנאָוו. וווּ ער האָט געענדיקט אַ פאָלקס־שול און געהאָלפן זיין פאָטער אין דער אַרבעט אַלס צימער־מאָלער.

1918 קומט ער מיט זיין משפּחה נאָך וואַרשע, אַרבעט אין אַ פאַבריק וווּ ער ווערט שטאַרק אויסגענוצט. ער איז אַקטיוו אין מעטאַל־פאַריין און אין דער סאָצ. יוג. אָרג. „צוקונפט״. בעת דער שפּאַלטונג אין דער „צוקונפט״ גייט ער אַריבער אין דער „קאָמ.־צוקונפט״ און דערנאָך אין דער קאָמוניסטישער יוגנט אָרג. לערנט פלייסיק אַליין, באַזוכט אָוונט קורסן און לערנט אויך מאָלעריי ביים יידישן קינסטלער משה אַפּעלבוים.

אין 1923 קומט ער מיט זיין משפּחה צוריק אין דעם געבורטס־שטעטל סעראָצק וווּ ער איז טעטיק ביי דער דאָרטיקער יוגנט און דעביוטירט אין אַ ליטעראַרישע ראַיאָן־אויסגאַבע מיט אַ פּאָעמע: „מיין שטעטעלע״.

אין 1928 קומט ער צוריק מיט דער משפּחה אין טשעכאַנאָוו, איז דאָרט טעטיק צווישן דער אַרבעטער־יוגנט וועלכע גרופּירט זיך אַרום דער „אַנסקי־ביבליאָטעק״, שרייבט און גיט פאָרלעזונגען איבער ליטעראַטור. צווישן אַנדערע דרוקט ער אָפּ אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אין „איבערבוי״ וועגן אָטאָ העלערס בוך: „דער אונטערגאַנג פון יידנטום״. דרוקט זיינע לידער אין די זשורנאַלן: „פּראָאויס״, „ליטער. בלעטער״ און אַנדערע. גרייט אויך צו אַרויסגעבן אַן אייגענע זאַמלונג לידער.

אין זיינע לידער פילט מען אַ שטאַרקן איינפלוס פון דעם פאַרשטאָרבענעם סאָוויעטיש־יידישן דיכטער, אָשר שוואַרצמאַן. אַם בולטסטן קומט עס צום אויסדרוק אין ציקל לידער: „דאָ״, געדרוקט

אין „פּאַראויס". אט דאָ! — מיט נשמה און מיט גוף/כ'בין פאַרוואָרצלט אין דער טיף / און — קעגן פינסטערע כוואַליעס פונעם היינט;/און קעגן פיינט —/כ'וועל זיך ראַנגלען מיט צאָרנדיק געביין,/און זיך ווערן מיט די ציין./מיט הענט, און מיט פיס —/ביז — — —/ס'וועט אויפגיין אין מיין לאַנד —/די ברידערליכע האַנט.../

ספּעציעל קומט צום אויסדרוק אין זיינע לידער דער קאַמף און די האָפענונג, ווי אין דעם ליד, געדרוקט אין ערשטן נומער „העפטן" מערץ 1946:

מיין האַרץ וואָס פאַרצווייפלט איז קיינמאָל נישט געווען/גלייבט — אַז ס'וועלן וווּנדער נאָך געשען!.../

ליידער. האָט ער פּערזענדליך אויף די וווּנדער זיך נישט דערוואַרט.

פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג איז ער גערופן געוואָרן אין רעזערוו. מיליטער. ווען די דייטשן האָבן אים אַלס מלחמה־געפאַנגענעם אָפּגעלאָזן אַהיים איז אים געבוירן געוואָרן אַ זון און דאָס, ווייסט אויס איז געווען די אורזאַך צוליב וועלכער ער האָט נישט געקענט אַריבערגיין די סאָוויעטישע גרעניץ.

די לעצטע גרוסן פון אים זיינען געווען פון אָשוויענטשים ווו מ'האָט אים געזען.

יהושע גראָסבאַרד

יצחק גרובער

# פונדאַמענטן

באַגינען. די בערג פון גליל באָדן זיך אין נעפּל פון די וואָלקנס און צו זייערע פיס טוליעט זיך פאַרחלומט דער כנרת.

אַ קיל ווינטל צעטרייבט דעם נעפּל און די זון שפּראָצט אויף זייערע שפּיצן. אירע יונגע שטראַלן גליטשן זיך אויף זייערע רויטע פעלזן און וועקן, קושנדיק, די קעפּעלעך פון די פאַרשלאָפענע בערג־בלומען — צום נייעם טאָג...

אויך די שטאָט וואַכט אויף: הייזער עפענען טיר און טויער, וועגענער סקריפּען, פערד הירזשען און אַרבעטער גייען מיט האַמעטנע טריט צו דער אַרבייט, די בנינים וואָס וואַקסן אַרויס דאָ פון די פעלזן.

אויפן שפּיץ באַרג אַ ריזיק געבוי, וואָס זיינע קאַנטורן קוקן מיט שטאָלץ אויף דעם אַרום. אויך ער וואַכט אויף און באַגינט זיין נייעם טאָג האַרעוואַניע: האַמערס קלאַפּן, זעגן שרייען און מכושים בייסן זיך איין אין דעם שטיינערנעם באָדן מיט געבראַזג־נייע פונדאַמענטן...

די אַרויסגעריסענע ערד ווערט געלאָדן אויף קליינע וואַגאָנעטקעס, וועלכע פאָרן אויף שמאָלע רעלסן, פאַרצווייגענע אויף ברעטער, ביז צום תהום, ווו זיי שפּייען אויס זייער לאָדונג מיט אַ דונערדיקן קראַך.

אונטן, אויפן אָפּגרונט, ווו די ערד פאַלט אַרונטער, אַרבעט מנחם. ער גלייכט אויס די אָנגעשיטע ערד. זיינע קרעפּטיקע הענט שפּאַנען מיט דער טוריה, אַזש זיינע אָדערן ווערן אָנגעדראָלן ווי שטריק און דער שווייס גיסט זיך אין ריטשקעלעך אויף זיין פּנים.

פונדערזייט שטייט דער אויפזעער. ער רעדט נשט, נאָר זיין טריבער בליק שרייט, טרייבט און צווינגט מנחמען צו שנעלקייט, צו מאַקסימאַלסטער פּראָדוקציע... — סענדער מוז דאָך ווייזן זיין קבלן אַז אונטער זיינע „הענט", טוען די אַרבעטער אויף מעשים...



תמיד ווען ס'קומט אָן אַ וועגעלע צום תהום און די ערד גיט זיך אַ שיט !— דוכט זיך מנחמן, אַז אָט, אָט און אַלץ פליט אויף זיין קאָפּ און דעקט אים צו... פון דעם געדאַנק ווערט אים אַזוי קאַלט, אַזש אַנגסט־טראָפּנס ווי אַרבעס וואַקסן אָן אויף זיין שטערן און ער פילט בחוש דעם פלאַטער פון טויטס שוואַרצע פליגל, איבער זיין קאָפּ.

ווען דאָס טרוקענע קלאַפּן פון די רעדער דערווייטערט זיך, אָטעמט ער אַביסל פרייער, אָבער דער שאָטן פון טויט בלייבט ווייטער הענגען איבער אים ווי אַ נעפּל.

וועגעלעך גייען, וועגעלעך קומען און מנחם אַרבעט שנעל, פלינק, מיטן גאַנצן כוח, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקטרייבן דערמיט זיין קאַשמאַר, זיין שרעק...

אַ וועגעלע קומט אָן געלאָדן ביז איבער די ברעגן. די אַרבעטער שטופּן עס קוים, אָבער זיי באַצווינגען די לאַסט און דאָס וועגעלע גייט פאָראויס צום תהום.

דאָס וועגעלע פאָרט... פיס אין שפּאַן, הענט ווי שטאָל און רעדער קרעכצן פון אָנשטרענגונג. פלוצים אַ קנאַל! — די ברעטער מיט די רעלסן אונטער דעם וועגעלע האָבן געפּלאַצט און דאָס וועגעלע מיט דער לאָדונג פאַלט אין תהום מיט אַ מורא'דיקן דונער.

מנחם האָט נישט באַוויזן אָפּצושפּרינגען אָן אַ זייט. און איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו באַנעמען, אַז דער טויט איז דאָ — ליגט שוין זיין מוח, אַ ווייסרויטע מאַסע, אויסגעמישט מיט דער אויסגעשיטער ערד.

— — — — — — — — — — —

צופיסנס די בערג ליגט דער בית־עולם, וועלכער נעמט היינט אויף אין זיין שויס מנחמס יונג פאַרשניטן לעבן.

נאָך דער קבורה, ווען אַלע זענען שוין אַוועק, קלאַמערט זיך זיין מוטער אָן זיין פרישן קבר און ביטערט און יאָמערט: ווי זאָל זי דען אַוועקגיין? אַז דאָ ליגט איר ליכט, איר לעבן...

טרויעריק וויגן זיך די ביימער און שטיל ציטערן די בלעטער — נאָר די פונדאַמענטן בויען זיך ווייטער...

י. גרינבערג

# דער צוריקקער

(דערציילונג)

אהיים פירט דער וועג בארג ארויף... און אויך דער הימל איז טיפער, בלויער... אהיים גייט דער באפרייטער סאלדאט שמעון בראווער. צו זיינע פעלדער. צו זיין משק. חברים, ווייב און קינד, צו זיין קיבוץ! און דער הימל זיינער איז א שטיק וואלקן...

זעקס יאר האט ער געצערטלט די רגע פון זיין „אהיימקום". און א י צ ט, ווען יעדער טריט דערנענטערט אים צו די טויערן פון זיין היים, פילט ער — ער זינקט...

ווייל, ווי אזוי וועט ער בכוח זיין אויפצונעמען די פריידיקע באגריסונג פון זיינע חברים, אריינקוקן זיין רחלן אין די אויגן, האלדזן זיין אורין, אויפנעמען זייער הארציקן קבלת־פנים פאר אים — דעם זיגער און ער — האט גאר פארשפילט...

זעקס יאר האט ער זיך געיאגט נאכן שונא. נאך קלעפן אויף זיינע סאלדאטסקע שיך, אין די פארן פון זיין קערפער, די גליאיקע זאמדן פון אפריקע און דער גרוז פון דער צעבאמבעטער איראפע — אנגעזאפטע מיט פולווער און בלוט, מיטן שונאס און — אויך מיט אייגנס...

זיין האנט ציט זיך אינסטינקטיוו צום שראם, וואס קווערט דורך זיין פנים — פון אויער ביז צום נאז. — אין דבר! הלואי האלט ער שוין מיט זיין הארץ אזוי ווייט...

זעקס יאר, זעקס מאל צו דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג, פלוס אזויפיל שעה'ן,

מינוטן און סעקונדעס — האט זיין הארץ געצאפלט מיט דער האפענונג: — עמעצן וועט ער דאך אנטרעפן פון זיין גרויסער, פערצווייגטער משפחה. ביז ס׳איז געקומען א נאכט. „ערגעץ־וואו״ אין אייראפע, אין א אפגעראטעוועטן קאנצ. לאגער — און האט מיט איין זעץ אונטערגעהאקט זיין אזוי אויסגעצערטלטע האפענונג...

נאך זעט ער זי איצט, די נאכט מיט איר פייפנדיקער שניי־זאווערוכע, שטעכל־דראט פארצוימט צונויפגעקארטשעטע מענטשן־שאטנס. בארוועסע, אפגעריסענע און בלוי פון קעלט, בויערן זיי דעם חושך מיט ברענענדיקע אויגן.

די פרייד וואס האט זיך צעשפילט אין די הערצער פון די אויסגעמאטערטע יידן־שאטנס און ביי די יידישע זעלנער — זייערע רעטער, קען קיין מענטשלעכע שפראך נישט איבערגעבן, נאר דאס געוויין וואס איז אויסגעבראכן ווי א געוויטער, האט אריינגעריסן אין זיין ווירבל, אי די באפרייטע און אי די באפרייער...

שפעטער, אז דער ספאזמאטישער שטורעם האט זיך איינגעשטילט, זיצן יידישע זעלנער ארומגערינגלט מיט צעבראכענע יידן וועלכע דערציילן מיט האלב־ווערטער דערשטיקטע פון טרערן — זייער ביטערן איכה...

און אים, שמעונען, האט דער גורל שוין געהאט אנגעגרייט זיין איוב־בשורה... בשעת ער קוקט אזוי, מיט הארץ קלאפעניש, אין די פנימער, און זוכט, זוכט עמיצן, א ברודער, א קרוב... מיטאמאל מ׳רופט אים, שמעון... און איידער וואס, עמיץ קלאמערט זיך צו זיין ארעם און שלוכצט, שמעון, שמעון...

— וויי צו די אויגן, ר׳ בעריש! דערקענט אים שמעון. — וואס האבן זיי פון אים געמאכט?!

— ר׳ בעריש בערעזאווסקי?!

— וויי, וואס „זיי״ האבן פון אונדז געמאכט...

— צוואנציק יאר האבן מיר געוווינט טיר ביי טיר, פונקט, עס ביי שמעונען אין קאפ — אפשר ווייסט ער עפעס וועגן מיינע עלטערן? ברודער, שוועסטר?...

נאר ר׳ בעריש שווייגט — און רעדט ער שוין עפעס, איז מיט האלב־ווערטער, ווי ער וואלט זיך א כוח אנגעטאן, אז ס׳זאל נישט ארויסקומען געוויין...

ווי א פילם־טאשמע לויפט דאס בילד ווייטער פאר זיינע אויגן. — בנימינקע. — דער פאטער זאגט, ער איז נעכטן געווארן „בר־מצוה״ נאר דאס יינגל זעט אויס קוים ווי זעקס — קליין, אויסגעדארנט... נאר אויגן האט עס, שווארצע גאלעס! און זיי זיינען איין שטיק געבעט...

ווייטער אין א ווינקל שטייט טאמארע, ר׳ בערישעס בת־יחידקע.

ער, שמעון, געדענקט זי נאך פון דער היים.

— ווי זי זעט אויס!

די קאשטאן־רויטע האר פארוועבט מיט גרוי, דאס פנים אש באדעקט מיט סיניאקעס... שטייט זי שטאר, שטום און קוקט מיט גרינע אויסגעלאשענע אויגן און — זעט נישט קיינעם...

ווען ער, שמעון, האט זי באגריסט או זי האט אויפשוידערנדיק געלאזט העגנען זיין האנט אין דער לופט, האט זיין זעלנערישע פארהארטעוועטקייט זיך געקרישלט ווי פרוכנע...

— וואס האבן „זיי״ איר געטאן?! —

ר׳ בעריש רעדט ווייטער, מיט שטומע איבערייסן, ווי ער וואלט זיך מיט עפעס געווארגן...

— דבורהן, מיין ווייב, געדענקסטו? — און שלומקע, מיין חתן־בחור!

ער פארברעכט די הענט און לאזט אראפ דעם קאפ... און שווייגט.

שמעון שטייט, ווי אויף הייסע קוילן.

— ווער ווייסט, וואס ער וועט ווייטער דערציילן...

ר׳ בעריש, ווי ער וואלט געפילט שמעונס געדאנקען, הויבט לאנגזאם אויף זיין גרויען קאפ מיט די פארטרערטע אויגן און לייגט ארויף זיין קנאכיקע האנט אויף זיין אקסל און זאגט מיט פארשטיקטן קול.

— קינד מיינס, איינציקער קדיש. פון גאנצן שטעטל — נאר מיר דריי...

— — — — — — — — — — — —

פון דעם וואס ווייטער איז געשען געדענקט שמעון נאר א פעלד־לאזארעט און די בליקן פון די חברים. טייל מיט מיטגעפיל און טייל מיט ביטול:

— אויך מיר א זעלנער...

— און טאקע וואס פארע זעלנער איז ער?

פיר־און־צוואנציג שעה האט ער געווילדעוועט, בינדן האט מען אים געמוזט!

— שעמען מעג ער זיך!

— נאר וואס זאל ער טאן? אז ס׳הארץ האט נישט אויסגעהאלטן דעם זעץ...

— צו טאר דען א זעלנער נישט האבן קיין הארץ?

---

פון דעמאלט אן איז זיין קאפ נאך ווייסער, זיין הארץ אויסגעהוילט און אין מויל א ביטערניש: גאל...

— אזא פארצווייגטע משפחה! פיר ברידער, צוויי שוועסטער, טאטע, מאמע, פעטערס, מומעס, קוזינען און קוזינקעס, פארצווייגט און פארווארצלט ווי א טויזנט יעריקער בוים...

— און מיט איינמאל, אויס! — — —



— וואס האט ער, שמעון, אויפגעטאן מיט זיין קעמפן?...

פארטאן אין די פינסטערע מחשבות, האט שמעון גארנישט באמערקט, ווי דער וואך־טורעם איז ארויסגעשפרונגען פון צווישן צוויי היגלען, ווי דער קיבוץ האט א שפאן געטאן אנטקעגן. מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס־בערג, אויף וועלכע ס׳וויגט זיך אזוי פארחלומט דאס וועלדל וואס ער האט פארזעצט איידער ער איז אוועק.

ער האט אויך נישט געזען, ווי פוןביידע זייטן וועג קוקן אויף אים, פייער־רויטע, אראנזש געלע און הימל־בלויע די פעלד־בלימעלעך, מיט פארוואונדערטע אויגן: אזא טרויעריקער גאסט...

אויך נישט ווי ס׳באדויערן אים די בוימער מיט די צעפאטעלטע גרינע קרוינען, און נישט די פויגל וואס צוויטשערן איבער זיין קאפ: מה יש? מה יש?...

ער האט נאר געהערט דעם חצץ אונטער זיינע שלאבערדיקע טריט, ווי ער קרעכצט מיט זיין הארץ: אהיים, אהיים...

אויפגעוועקט האט אים דער שארפער אמאניאק־ריח פון די באמיסטיקטע פעלדער. אאא— האט ער געשעפט פולע לונגען פון דעם גוט באקאנטן ריח. אאא — — — הייסט עס, כ׳בין שוין אין דער היים! איז ער געבליבן שטיין א דערשלאגענער...

ערשט האט ער דערזען, ווי ס׳קוקט אויף אים דער רויטער שינדל־דאך פון עס־זאל. אט איז די שטאל און די באקאנטע מעלאדיע, היינער ווארקען, א האן קרייט, די קו מעקעט און דער הונט, „זאב״ אודאי, ענטפערט מיט א ביל.

— די היים — — —

— זעקס יאר איז ער געווען אנ׳אכזר צו איר.

— איין גאט ווייסט, ר׳האט אנדערש נישט געקענט.

— אז ער איז דאך געגאנגען מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס...

— וואלט ער עפעס אויפגעטאן דערמיט...

א זיג האט ער אויסגעקעמפט, א זיג!...

—ווי אזוי זאל ער אריינגיין אין זיין אויסגעבענקטע היים?

— פרייען זיך מיט חברים, עלנטע יתומים ווי ער...

— האלדזן אורין, רחלן?

— אויך אירע עלטערן מסתמא... ס׳גאנצע שטעטל...

— אפשר זאל ער אנטלויפן?

אנטלויפן! ווי די אויגן וועלן אים טראגן.

אזוי איז שמעון געשטאנען ביי די טויערן פון זיין היים. א דערשלאגענער, און אליין זיך באדויערט: א זעלנער נאך א זיג! און אזוי צעבראכן...

און דער קיבוץ האט גערעדט צו אים, געגלעט און געמונטערט, מיט אלע פארבן, מיט אלע טענער און מיט אלע זיינע אינטימסטע ריחות:

— שמעון, ביזט דאך ניט קיין היינטיקער...

— פופצן יאר ביזטו דאך שוין זעלנער!

— געריסן בערג, געטרוקנט זומפן, געפיבערט, געהונגערט, אוועק אין מלחמה, געהרגעט און אליין שיער נישט געהרגעט געווארן...

— און ביזט דאך נישט אליין אין דיין אומגליק...

— ס׳גאנצע פאלק! — די גאנצע וועלט!

— די וועלט האט א זיג! — האט שמעון זיך געצאפלט.

— און מיין טרייסט וואו איז?!

— צעאשט אויפן ווינט! — קארטשעט זיך אונטער שטעכל־דראט!

— די וועלט!... די וועלט! — האט ער געריבן די פויסטן...

נאר דער קיבוץ איז נישט אפגעשטאנען:

— שמעון, נעם זיך אין די הענט — האט ער ווייטער געטענהט:

— שמעון, ווען נישט דער זיג וואלסטו היינט דא נישט געשטאנען...

— אפילו די אונטער שטעכל־דראט וואלסטו נישט זוכה געווען צו זען...

— שמעון, נעם זיך אין די הענט...

— דיינע פעלדער, דיין משק, די חברים, רחל, אורי!

— שמעון, שמעון...

און ער איז געשטאנען, דערשלאגן, פארביטערט און געקעמפט מיט זיך...

— וואס זאל ער טאן? — וואס זאל ער טאן?...

— אזוי פיל שלאכטן האט ער שוין געפירט אין זיין לעבן, נאר נאך נישט אזא באטאליע...

און די שלאכט איז געווען א שווערע, פיל מי האט זי אים געקאסט, אלע כוחות האט ער גערופן צו הילף, ביז ער האט זיך באזיגט...

מיט פארשרויפטע פויסטן און פארפרעסטע ציין האט ער ארויפגעצויגן א שמייכל אויף זיין צעווייטאקט פנים און צוגעשפאנט מיט זעלנערישע טריט צום קיבוץ. א שטופ געטאן די פורטקע און אריין **אין דער היים.**

---

דער קיבוץ האט שמעונען אריינגענומען אין זיינע פארבענקטע ארעמס. זעקס יאר האט ער געבענקט נאך שמעונען. נאך זיינע מאזאליעדיקע הענט, נאך זיין שווייס און נאך זיין באפרוכפערנדיקער בארירונג...

טוליעט ער זיך איצטער צו אים ווי א פארבענקט כלה־מיידל... און חנדעלט זיך צו שמעונען מיט אלע זיינע פראכטן און חנען.

די זון פארגייט אין א פארבן־סימפאניע לכבוד אים. דער ים שיקט א געזאלצן ווינטל צו דערקוויקן און די בערג טריפן מיט טוי און „שפילן" א פאנטאסמאגאריע לכבוד זיין קומען. די ערד נעמט אים אויף אין איר שמעקעוודיקן שויס, ווי א לאנג געיאַרטן חתן... און אירע זאפטיקע גרעזעלעך צערטלען זיין פארברוינט לייב. דער טראקטאר פייפט א סערענאדע, און די טוריה׳ס, די קלשונים און דאס אנדערע פעלד־צייג קלינגען א לויב צו זיין קומען. עופות טענצלען אויף זיין שמחה... קו און פערד ציטערן אונטער זיינע פינגער און דער הונט, זאב, קאלערט זיך און טוליעט זיך צו זיינע פיס... טירן עפענען זיך פאר אים מיט געזאנג, טישן לאכן ווייס און בלאנק, דער וויין רויטלט זיך פאר פרייד... און חברים קלאפן גוט־ברידעריש אין פלייצע: היינט איז א מסיבה לכבוד אים! טאסטן הויבן זיך, ווערטער צינדן זיך, הענט פלעכטן זיך און פיס — אין ווירבלדיקן טאנץ! אורי וויינט אויף זיין האלדז. ער קען דאך אים אפילו נישט, זיין אבא. דריי חדשים איז ער אינגאנצן אלט געווען ווען שמעון איז אוועק. און רחל, זיין רחל, פלאטערט אין זיינע ארעמס א דורשטיקע, א צעפלאמטע פון צוריקגעקומענעם גליק...

— ארעמע, ביי איר זילבערט זיך שוין אויך דער קאפ, צו דרייסיק יאר!

די פרייד האט זיך צעשוימט ווי א צעכוואלעטער טייך ארום אים — ארום אים און אין אים נישט אריין...

— ווייל די וואו׳נד וואס ער האט באקומען — א „מעדאל" פאר זיין העלדישן זיג.. די וואונד — זיין אויסגעשאכטענע משפחה, זיין חרוב שטעטל און די איינציקע דריי פארבליבענע יתומים אונטער שטעכל־דראט, נאך אלץ אונטער שטעכל־דראט! שוין נאכן זיג...

— די וואונד — דער לאך אין זיין הארץ, וואס ער האט כלומרשט באזיגט ביי די טויערן פון קיבוץ.

— די וואונד איז אין „שלאכט" ניט געפאלן, זי לעבט נאך! אייטערט, אטעמט מיט גאל און פארסמט אים דאס לעבן.

— זי לאזט אים נישט באקומען די פרייד פון זיין „היימקום", פארשטיינערט אים יעדן ביסן אין מויל און רייסט אראפ דעם זיגערקראנץ פו זיין קאפ...

זעקס יאר האט ער געבענקט נאך זיין נעסט, וואס ער האט ארויסגעכישופט מיט זיינע צען פינגער, פון די נאקעטע בערג!

און היינט, אז ער איז שוין געקומען, שלעפט עס אים מיט צוואנגען צוריק!

צוריק צו זיין פאריתומט שטעטל, צו זיין אויסגעוואָרצלטן משפחה־שטאם, צוריק כאטש צו דעם קאנצ.־לאגער, צו די בערעזאוועסקיס.

— דער חורבן קוקט דאך פון זייערע אויגן!

— די אויגן, די אויגן — — —

ווי ער זאל זיך נישט ווענדן קוקן זיי אויף אים...

פון די בערג, פון אויסגעשטערנטן הימל, פון צעהוידעטע ים־כוואליעס, פון קוואישע תמעוואטע בליקן, מיט שחיטה אנגסטן... און פון די אויגן פון זיין אורי, מיט אזוי פיל געבעט...

— בנימינקע! בליצט עס אים אין קאפ.

און רחל קוקט אויף אים מיט טאמארעס גלעזערנע אויגן — — — מיט אזויפיל טענה, מיט אזויפיל פארוואורף: ווי וואגסטו?! אז מיין לייב איז געווען בלאטע אונטער די שטיוואלעס פון שענדער...

---

גייט ער אזוי ארום אין קיבוץ, א נישט־דאאיקער און קעמפט מיט אלע כוחות, אז זיין שמייכלענדיק פנים זאל זיך נישט צעקרימען אין געוויין...

גייט ער אזוי ארום א שווייגנדיקער מיט פארפרעסטע ליפן, מורא האבנדיק, אז זיין וואונד זאל נישט דורכרייסן די „גרענעץ" און אנהויבן ריידן... גייט ער אזוי ארום אן אנגעלאדענער מיט ביטערניש און ער פילט, דאס יעדע קלייניקייט וואס דערמאנט נאר אין מלחמה, אין זיין חורבן, איז מסוגל צו דערפירן אים צו אנ׳אויפרייס...

בייטאג איז נאך אנ׳האלבע צרה, ער ווארפט זיך אין דער ארבייט. אמת, די חברים לאזן אים נישט: זאל ער זיך אויסרוען, טענהן זיי. נאר ער האט זיך איינגעשפארט: ער מוז! — ארבייט ער ווי א שד, מ׳זעט אים דעם קאפ נישט ארויס...

— כאטש אינגאנצן „גלאטיק" גייט עס אים דא אויך נישט...

— אנומעלטן האט ער זיך שיער די צונג נישט אפגעביסן...

— ער ארבעט מיט מושהלען אויפן טראקטאר ביים „דורכאקערן".

— נו, פארגלוסט זיך מושהלען צושמועסן וועגן טאנקס, ווייל ווי ווייט איז דען פון א טראקטאר ביז א טאנק...

דערהערט דאס ווארט „טאנק" האט עס שמערגען אונטערגעהויבן, ווי א שלאנג וואלט אים א ביס געטאן און ער האט זיך כמעט נישט צערעוועט... — די צונג האט ער זיך שיער נישט אפגעביסן...

אדער ווי עס האט פאסירט מיט זיינוול דעם עגלון —

שמעון פארט מיט אים אהיים פון פעלד,



ער איילט זיך אפנעמען אורין צום שפאציר. גענוג האט ער שוין געליטן דער מסכן...

און זיינוול, בטבע א פלוידערער, כאפט ער אריין א שמועסל צווישן איין „דיא" און דעם צווייטן. נאר אז שמעון ענטפערט אים גארניט, צעלאכט ער זיך מיט זיין הילצערנעם באס:

— האסט פארלוירן ס׳לשון אין דער מלחמה?

— ס׳לשון נישט, אבער ס׳הארץ... וויל אים שמעון ענטפערן, נאר ער האט געטאן א פערהאק די ציין, בלוט האט געשפראצט...

א נס וואס ער איז שוין ביים ציל. אין ער מיט איין שפרונג געווען ביים בית הילדים און אורי רייט שוין אויף זיינע אקסלען און שרייט: אבא, דיא!

— א געזונט אין זיינע ביינדעלעך, — כ׳זאל נאר זיין א געזונטער טאטע צו אים... — טראכט שמעון און קלאמערט זיך אין אוריס הענטעלעך...

אזוי זעט עס אויס בייטאג. וואס טוט מען אבער ביינאכט? — ווער וועט היטן זיין צונג אין שלאף?

האט ער זיך טאקע נעכטן צערעוועט ביי רחלס זייט, אז די ארימע האט זיך נעבעך אויפגעכאפט מיט טויט־אנגסטן און גענומען אים וועקן... און נישט אזוי לייכט איז עס איר אנגעקומען — אין א תהום איז ער געזונקען...

ער קען זיך נישט דערמאנען דעם חלום, ער געדענקט נאר עפעס שוידערליכס... — נאך איצט ציטערט די הויט אויף אים...

ארימע רחל, ווי זי האט אים געגלעט, ווי די מאמע...

— ארעמע, ס׳הארץ זאגט איר עפעס —

— ווי זי האט געפארשט זיינע אויגן, געבעטן זיך מיט איר שטומען בליק.

— און ער? וואס קען ער איר דערציילן? זיין בראך? איר אומגליק? אלעמענס חורבן?

— גענוג אז ער האט אים געזען!...

ער האט זיך בלויז געקלאמערט אין אירע ארעמס.

— ווי אין א רעטונגס־ברעט...

— פארשטייט זי זיין שטומע שפראך?

---

ווי לאנג טראגט דאס קריגל וואסער?...

און אפגעריסן האט עס זיך אויף דער מסיבה...

שמעון האט געפילט: דא וועט פאר אים זיין א שווערער נסיון, האט ער זיך פארגענומען: ער וועט זיך אנשיכורן... פאר א זעלנער פאסט עס דאך... האט ער אבער געטרונקען ווי לויט און — געבליבן ניכטער... געטאנצט ווי א רוח און געבליבן ניכטער... ניכטער? צען מאל ניכטער!

איז ער געזעסן ווי אויף נאדלען. מיט צוגעשפיצטע אויגן און אויערן און יעדעס ווארט פון די טאסטן און באגריסונגען האט געשניטן זיין לייב ווי מיט א זעג...

און אז מ׳האט אים נאך אנגעהויבן „דערגיין די יארן": „שמעון רייד עפעס, דערצייל"... האט ער געפילט, אז, אט, אט צעיאמערט ער זיך ווי א געשלאגענער הונט: — וואס איז די שמחה?!...

— שבעה זעצט זיך! קדיש זאגן! עלנטע יתומים...

און אים איז אזא רחמנות אויף זיי, ארעמע, ערלעכע, פארהארעוועטע מענטשן, געקומען זיך פרייען אויף זיין „שמחה" און ווייסן גארנישט, אז ער טראגט אזא איוב־בשורה אין הארצן... געוויס ווייסן זיי אלע פון דעם בראך, אבער ער, ער האט אים דאך געזען! מיט אייגענע אויגן און זעט אים נאך איצט...

וואס זאל ער טאן? וואס זאל ער טאן?!

אנטלויפן! איז אים איינגעפאלן.

אנטלויפן! איידער ער צעשרייט זיך...

און ער האט אנגעהויבן זוכן און נישטערן אין אלע זייטן. א וועג, א וועג...

ביז ער האט זיך ארויסגעגנבעט...

דאס קאלטע ים־ווינטל האט אים אביסל דערפרישט און אפגעמינטערט — און ער האט דערזען די כרמל־בערג, ווי זיי שטייען ארום קיבוץ — א מאיעסטעטישע וואך און קוקן מיט זייער וואכנדיק לייכט־טורם־אויג אין ים־מדבר אריין...

אויף זייער קאפ און אויף זייער רוקן טאנצן שטערן־לאמטערן, וואס ווינקען זיך איבער מיט הוידענדיקע פייערלעך אויפן ים און מיט מיליאנען אויגן־שטערן פון שימערירנדיקן הימל־דאך.

און ווי די ים כוואלעס קנוילן זיך אין פאנטאסטישע בערג, וועלכע הייבן זיך און פאלן, הייבן זיך און פאלן, ביז זיי פאלן אנידער אויפן זאמדיקן ברעג פארסאפעט מיט שוימיקע מיילער...

— ווי פרעכטיק! — האט ער זיך שיער נישט צעשריגן.

ווי פרעכטיק, נאר נישט פאר מיר, נישט פאר מיר... — האט שמעון צו זיך געפרעפעלט.

איך בין א יתום, אן עלענטער יתום וואס דארף קדיש זאגן מיט איינמאל נאך אזויפיל בר־מננס...

און ער האט געשטעלט זיינע טריט אבלדיקע, שלאבערדיקע.

— ווי ביים אהיים גיין — האט ער זיך געטראכט.

און טאמארעס אויסגעלאשענע, גלעזערנע אויגן האבן אים באגלייט פון יעדן ביימל, פון די בערג, פון די ים־כוואלעס און פון צע־

שטערנטען הימל... מיט אזויפיל טענה און פארוורף: ווי האט ער זי געלאזט ? !...

נאך קיינמאל האט שמעון נישט געפילט אזא נאגענדיקע בענקשאפט צו פילן דעם אטעם פון זיין שטעטל, ווי איצט.

זיין שטעטל: ווי זיין וויגל איז געשטאנען, ווי זיינע זיידעס שלאפן זייער אייביקן שלאף, ווי זיינע עלטערן, ברודער, שוועסטער, מומעס, פעטערס, קרובים, פריינט — דער ריזיקער, פארצווייגטער שטאם־בוים האט געבליט — — —

און איז אזוי מערדערליך פארשניטן געווארן...

זיין שטעטל — וואס דעם חורבן זיינעם טראגן די דריי בערעזאווסקעס: ר׳ בעריש, בנימינקע און טאמארע אין זייערע פארגליווערטע אויגן... א מצבה...

מיט א מדבר־דורשט איז ער צוגעפאלן צום פארשטויבטן רענצל בריוו און פאטאגראפיעס אין זיין צימער, זיך צוגעזעצט אויף א קליין בענקעלע און אנגעהויבן ארויסציען די בריוו און די פאטאגראפיעס פון „דארט"...

און דאס שטעטל האט ארויסגעשפאנט צו אים פון רענצל...

דא איז די אלעע פון „דריטן־מאי" — פארנאכט שפאצירט דא דאס יונגווארג...

און דא איז דער „רינעק" מיט די קלייטן ארום, טיר ביי טיר — דער קוואל פון יידישער חיונה...

און דא איז דאס שול־געסל, דער ווינקל פון די „בעלי מלאכות": ניי מאשינען קלאפן, העבעלס פישטשען, זעגן שרייען, בלעך קלינגט אונטער האמערס און געזאנג קוועלט פון אפענע פענסטער און טירן...

די שול קוקט אויף אים מיט פארצייטישע פעסטונג־מויערן.

פארוואס קומט אים אויפן געדאנק דער לעצטער יום־כיפור ?

יידן איבערגעדעקטע מיט טליתים, וויינען ווי קליינע קינדער.

ס׳געוויין הילכט אים נאך אין די אויערן... האבן זיי געפילט דעם וואלקן וואס הענגט איבער זייער קאפ ?...

שמעון צאפלט אויף: די היים — — —

א פארחלומט ווייס הייזל אין א גארטן. דער טאטע קוקט ערנסט מיטן צעקארבטן שטערן, שווארצע בארד און טיף־שווארצע אויגן. די מאמע מיטן געבלומטן קאפ־טיכל אין ווייסן שירצל, זי פארעט זיך אין קיך. יהושע, פנחס, יהודה און דודל זיינע פיר ברודער. און דא זענען פייגעלע און רייזל צוויי צארטע מיידעלעך מיט זיידענע צעפעלעך — זיינע צוויי שוועסטערלעך.

ער דערמאנט זיך דאס בילד ביים וואקזאל, ביים אוועקפארן אין ארץ־ישראל, ווי אלע באגלייטן אים מיט קינאה און די אויגן און די מאמע האט געווישט אירע אויגן...

האט זי געפילט אז מ׳וועט זיך שוין מער נישט זען ? !...

— — — — — — — — —

שמעון נעמט זיין קאפ אין די זעלנערישע הענט: ער פלאצט:

— און דאס אלץ איז שוין מער נישטא, נישטא!

ער וויינט נישט, ער איז דאך א זעלנער...

נאר די טרערן פארנעפלען זיינע אויגן און טרינקען אן די בריוו, די פאטאגראפיעס, דאס רענצל...

פארטאן אין זיין טרויער, האט שמעון גארנישט געפילט ווי רחל איז שטילינקע אריינגעקומען אין צימער.

רחל האט נישט געזען ווען שמעון איז פארשוווּנדן פון דער מסיבה, אבער זי האט עס גלייך דערפילט און איז אים אוועק זוכן.

ארעמער יונג! זינט ער איז געקומען, איז אים גארנישט צו דערקענען. שטענדיק געווען אזוי פריילעך און מונטער. און היינט, אזא מצב־רוח...

פאר וואס דערציילט ער גארנישט ?

נאר ווען זי האט אים דערזען זיצן אויפן בענקעלע לעבן רענצל, האט איר פארקלעמט ביים הארץ: שבעה זיצט ער — — — און זי האט אלץ שוין געוווּסט...

דער קיבוץ שלאפט און א ווינטל ווישט אראפ דעם שווייס פון זיין פארהארעוועט פנים. די נאכט ליגט פארטייעט און שטיל ביי זיינע פיס — און פון מאל צו מאל חלומט זיך אים: א ברום פון אנאויטא, א צערהירזשעטער פייף פון דער באן און א געשריי פון א שיף וואס רעוועט פון שלאף.

דער קיבוץ שלאפט. נאר ס׳שלאפן נישט צוויי: רחל און שמעון.

די נאכט זאפט איין זייער פליסטערן און באגלייט עס מיט טויאיקע טרערן.

שמעון דערציילט: וועגן זיין האפנונג, וועגן די נאכט אין קאנצ־לאגער און וועגן זיין פיין פון דעמאלט אן...

איין גאט ווייסט. ער האט רחלן נישט געוואלט מצער זיין...

נאר וואס האט ער געקאנט טאן? זי האט אים געטראפן ביים רענצל...

און רחל די ארעמע האט נישט געוויינט.

זי האט נאר גענומען זיין צעפיבערטן קאפ און געטוליעט אים צו זיך, ווי מ׳טוליעט א קראנק קינד...

די נאכט איז אריין אין איר לעצטער אשמורה. א ווינטל קומט אן צורייטן אויף נעפלדיקע שאטנס און ברענגט אין זיינע פאלעס א דערקוויקנדיקן ריח פון צעבליטע פרדסים...

דאס ווינטל גלעט שמעונס בלייך פנים און שושקעט אים אריין אין די אויערן רחלס פליסטערנדיקע ווערטער.

טאמארען וועל איך טוליען צו זיך. ארעמע שוועסטער מיינע...

— בנימינקע וועט זיין אורין א ברודער... און ר׳ בעריש וועט זיין אונדזער טאטע...

— שמעון! מיר מוזן זיי אריבערנעמען צו אונדז...

— אבער ווי אזוי? — קלאגט זיך שמעון. אז אלע וועגן זיינען: מיט גזרות־רעות און מיט שטעכל־דראט...

— נאריש קינד, ענטפערט אים רחל.

— האסטו אויך געפרעגט ווי אזוי? ווען מיר זיינען אהער אנגעקומען און אלץ איז געווען דא נאר מדבר און שאקאלן...

יא! — טראכט שמעון. רחל איז דאך גערעכט, ס׳איז דאך אזוי פשוט...

און צו האט ער דען געפרעגט: ווי אזוי? ווען ער האט געשפאנט פון על־עלמין ביז צום הארץ פון צעשמעטערטן שונא...

— אבער דאן איז דאך געווען מלחמה, קלאגט זיך שמעון אין געדאנק. און ער איז אזוי מיד פון מלחמות... ער וויל אזוי שוין רוען...

ער האט געמיינט: ער וועט א היים קומען, באפרייט צו „איילבירט און פייגנבוים" און דא נאדיר א פרישע מלחמה...

און שמעון האט פלוצים דערזען אזוי קלאר, אזוי פשוט אז זיין מלחמה איז נאך נישט פארענדיקט...

— אודאי נישט פארענדיקט! — חזרט ער זיך אין געדאנק.

כל זמן אויגן ברענען נאך פון ווייטיק און שאנד אונטער שטעכל־דראט...

— ס׳אר א פארשאלטענע הידרע, טראכט ער. וויפיל קעפ איך האב ביי איר צעפלעט און זי לעבט נאך אלץ!

— מילא, שטארקט ער זיך — איך בין אנ׳אלטער זעלנער און פון גורל מיינעם וועל איך נישט אנטלויפן...

און רחל טוליעט אים און גלעט אים, זיינע גרויע האר, זיין פארשענדט פנים...

— סארא מוט, סארא כוח, ס׳פליסט פון אירע פינגער — טראכט שמעון און ער פילט ווי זיין גאליקע וואונד פערוואנדעלט זיך אין שטאל...

---

פון מזרח האט אנגעהויבן פלייצן א מילך־גרויע פליסיקייט — דער מארגן־שטערן. מיט איינמאל האט א פייער־חלף א שניט געטאן דעם האריזאנט און א סנאפ ליכט האט אנגעזונדן די שפיצן פון די כרמל־בערג.

דער יונגער טאג וואס האט אריינגעבליקט אין צימער האט דערזען שמעונס געשטאלטן קין און נאך א בייט אויף זיין, שוי אזוי אויך, צעאקערטען שטערן.

---

## פון רעדאקציע:

א דאנק דעם פריינד י. נייפעלד פתח־תקוה פאר זיין צושטייער פאר די „העפטן".

---

מאנוסקריפטן פארן קומענדיקן נומער „העפטן" דארף ווערן צוגעשיקט ביז דעם 30־סטן יולי 1946.

די חברים

**יהושע** און **בתיה גראסבארד**

אונדזער הארציקסטן מזל־טוב
צום געבורט פון זייער טעכטערל

**די רעדאקציע**

## דאָס יידישע בוך

**זאָל זיין אַ צירונג אין אייער פּריוואַטער ביבליאָטעק.**

ביי דער

# פּרץ-ביבליאָטעק אין תל-אביב, אלנבי 59

**ווער איר קויפן די בעסטע יידישע ביכער און די נייעסטע אויסגאַבעס פון אַלע יידישע פאַרלאַגן.**

# יעדע וואָך קומען אָן נייע ביכער

**לעצטנס איז צווישן אַנדערע אָנגעקומען:**

מ. באַריישאַ — דער גייער; ה. לייוויק — אין טרעב־
לינקע בין איך נישט געווען; א. סוצקעווער — די
פעסטונג (לידער פון געטאָ און פון וואַלד) 1946;
ח. איאַלטי — טאַטע און זון (ראָמאַן) 1945;
ז. ווײַנפער — אויף די זאַמדן פון יהודה (ראָמאַן) 1946

אין חיפה זיך ווענדן צו אונזער פאַרטרעטער

**יצחק גרובער, חיפה רח׳ פבזנר 7**

נשר־יגור—„איזשביצער־ביבל.״; רמת־גן—באַראַכאָוו־ביבל. מ. עשירי